# יודישע אילוסטרירטע צייטונג

Żydowska gazeta illustrowana

Wychodzi każdego czwartku.

Prenumerata wynosi: Rocznie 10 K. — 5 Rbs. Półrocznie 5 K. 2.50 Rbs. Kwartalnie K 2.75 — 1.50 Rbs.

Pojedynczy egzemplarz 20 h. — 10 Kop.

Redakcya i Administracya: Kraków, Grodzka 62.

Judische Illustrierte Zeitung.

ערשיינט יעדען דאנערסטאג.

אבאנאמענטס־פרייז: יעהרליך: 10 קראָנען. 5 רובל. האלביעהריג 5 קראָנען 2.50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2.75 קראָנען, — 1.50 רובל.

איינצעלנע נומער 20 העללער 10 קאָפּ.

רעדאקציאן און ארמיניסטראציאן: קראקא גראָדזקא 62.

הויפּטפּערטרעטונג פאר רוסלאנד: י. מערעצקי, ווארשא, מיאראווא נר׳ 12 פיליע אין לאדז: פּרזעיאזד נר׳ 16.

## נאך דער קאטאסטראפע אין איטאליען.



נאך דער קאטאסטראָפע אין איטאליען: 1. די פּעראונגליקטע ערווארטען א הילפסצוג. 2. א צערשטערטע שטראסע אין מעסינא 3. די צערשטערטע באנק פון סיציליען אין מעסינא. 4. די מאטראזען טראָגען פערוואונדעטע אויס א צערשטערטן הויז.

אינהאלט: נאך דער קאטאסטראפע אין איטאליען. — אויסגלייך צווישען עסטרייך און טירקיי. — קריעג אדער פריעדען. — בילגאריען און טירקיי. — אדמיראל ראשדעסטווענסקי. — בערויבט אין דער קירכע. — דינאמיט־עקספּלאזיע אין א קאסערנע. — בראָניסלאוו הובערמאן און פּאגאניני׳ס פיעדעל. — בעאונרוהיגענדע נאכריכטען פון כינא. — דער בייראם־קרבן. — האבצייט אין דער קאיזערליכע פאמיליע. או. ז. וו. או. ז. וו.

# נאך דער קאטאסטראפע אין איטאליען.

שוין באלד דריי וואכען, זייט דעם עס האט זיך ערייגנט דאס שרעקליכע ערד־ציטערניש אין איטאליען, און די בעפעלקערונג פון די בעטראפענע שטעדט לעבען נאך אלץ אין שרעק און אין פחד. די ערד האט זיך נאך נישט בערוהיגט. די האלב איינגעפאלענע הייזער צעפאלען זיך נאך מעהר, בעגראבענדיג אונטער זייערע טרימער נייע קרבנות.

דאנעגען געלינגט עס נאך ביז אין די לעצטע טעג, ארויסצוראטעווען לעבענדיגע מענשען... עס דערצעהלען זיך די גרעסטע נסים, וויא אזוי די געראטעטע לעבען אונטער די פערשיטע מויערן און אין די קעלערס דורך מעהר פון 14 טעג.

לעצטען פרייטאג איז פארגעקומען א ערד־ציטערניש אויך אין נארד־איטאליען. אם שטארקסטען האט מען זי געשפירט אין וועענעדיג. צום גליק איז עס געווען זעהר לייכט, ווייל זאנסט וואלט די געראדעצו אויף דעם וואסער געבויטע שטאדט געווארען א חורבה אין עטליכע סעקונדען.

די רעטונגסארבייטען ווערען שטארק בעטריעבען. געלד פליעסט צו פון אלע זייטען; אין אלע לענדער ארבייטען הילפסקאמיטעט'ם, און פון איבעראל קומען ערצטע און פרייווילינע רעטונגס־געזעלשאפטען, זיך צו בעטהייליגען אין דער רעטונגס־ארבייט.

די איטאליענער פיהלען עס אלס טרויסט אין דעם גרויסען אומגליק, וואס די גאנצע ציוויליזירטע וועלט נעמט אנטהייל אין זייער שמערץ. גאנץ בעזונדערס פרייט זיי די טהיילנאמע און די אונטערשטיצונגען, וואס קומען פון עסטרייך־אונגארן. די הייסקעפפיגע איטאליענער האבען פון אנפאנג געפרופט איבער עסטערייך שימפפען, אז עס ריהרט זיך נישט. שפעטער אבער האבען זיי אליין געמוזט מודה זיין, אז די פערהאסטע עסטערייכער האבען זיי אם מייסטען געהאלפען און עס איז צו ערווארטען, אז דאס פאליטישע פערהעלטעניס צווישען ביידע פעלקער וועט זיך אצינד בעסערן.

דער קעניג און די קעניגען פון איטאליען ארבייטען אונערמידליך די פעראונגליקטע צו העלפען. אין קעניגליכען טהעאטער נייען די הויפדאמען קליידער פאר די אונגליקליכע און די קעניגען מיט זיי. דאס קעניגספאאר איז אין גאנצען לאנד געוואָרען שטארק פאפולער.



נאך דער קאטאסטראפע אין איטאליען: די קאוואור־גאסע אין מעסינא.

דער קייזער פון עסטרייך האט דער קעניגען אלס אויסצייכנונג פאר איהר רעטונגס־ארבייט געשענקט דעם עליזאבעט־ארדען.

עס וועט נאך נאטירליך זעהר לאנג דויערן, ביז די בעפעלקערונג פון סיציליען וועט זיך בערוהיגען און נאך לענגער וועט עס דויערן, ביז מען וועט קענען וועג־ריימען דעם שוט און די חורבות, וועלכע דאס שרעקליכע ערדציטערניש האט געמאכט.

דאס ערדציטערניש פון מעסינא בלייבט דאס שרעקליכסטע אין דער וועלט־געשיכטע.

אין אונזער היינטיגער נומער ברענגען מיר פון דער שרעקליכער קאטאסטראפע עטליכע ארגינעלע בילדער.

## אויסגעגליכען דעם קאנפליקט.

סוף סוף איז עס צווישען עסטערייך־אונגארן און דער טירקיי געקומען צו א אויסגלייך וועגען באסניען און הערצאגאווינא. ווי בעקאנט, האט די טירקיי געפאדערט, עסטערייך־אונגארן זאל איבערנעהמען אלס ענטשעדיגונג פאר די הערשער־רעכטע פונ'ם סולטאן אין באסניען־הערצאגאווינא א טהייל פון דער טירקישער שטאאטסשולד אים בעטראג פון 100 מיליאן פראנק.

די עסטערייך־אונגארישע רע־גיערונג האט אבער ערקלערט, אז זי קען דיעזע פאדערונג נישט אנער־קענען, ווייל די אקופאציאן פון די ביידע פראווינצען און זייער ערהאל־טונג אין די לעצטע 30 יאהר האט געקאסט איינגעהויערע סומען און עס־טערייך־אונגארן קען נישט נאך אצינד ווייטער צאהלען... די טירקיי, זיך פיהלענדיג צו שוואך, צו פיה־רען א קריעג, האט אנגערופען די הילף פון די מעכטע, וואס האבען אונטערגעשריעבען דעם בערלינער טראקטאט, און די יונגטירקען האבען איינגעפיהרט א בויקאט אויף די עסטערייכישע סחורות.

א צייט לאנג איז די לאגע געווען זעהר ערנסט. עסטערייך־אונגארן האט געדראהט, זיך צו וועהרען קעגען דעם באי־קאט מיט געוואלט און עס איז מעגליך געווען א אמת'ר קאנפליקט.

אין די לעצטע טעג איז עס דעם עסטערייכיש־אונגארישען אמבאסאדאר אין קאנסטאנטינאפעל, מארק־גראף פאלאוויציני, געלונגען צו געפינען אן־אויס־וועג פון דיעזער פערוויקעלטער געשיכטע. אזוי ווי אין באסניען־הערצאגאווינא געפינען זיך פיעל פעלדער, וועלדער און בערגווערקע, וואס האבען געהערט צו דער טירקישער רעגיערונג און היינט האט זיי עסטערייך־אינגארן צוגענומען, צאהלט זי פאר זיי א סומע פון



אויסגלייך צווישען עסטערייך און דער טירקיי: מארקגראף פאלאוויציני, דער עסטרייכישער אמבאסאדאר אין קאנסטאנטינאפאל.



טירקיי און בולגאריען: קעניג פערדינאנר [illegible]



האכצייט אין דער קאיזערליכער פאמיליע! דאס ברויטפאאר ערצהערצאָגין רענאַטאַ מאריא און פירסט היעראנים ראדזיוויל.

# אדמיראל ראשדעסטווענסקי.

אין פעטערסבורג איז לעצטען מיטוואָך דער געוועזענע רוסישע אדמיראל ראשדעסטווענסקי פלוצים געשטארבען. ער האט פערברענגט דעם אבענד אינם קרייז פון זיין פאמיליע ביי פאלקאמענער געזונדהייט. זיך לעגענדיג שלאפען, האט ער זיך בעקלאגט, אז עס איז איהם עפּיס איבעל ביים הארץ און נאך האלבער נאכט איז ער געשטארבען.

מיט עטליכע יאהר צוריק האט דער אדמיראל חדשים לאנג בעשעפטיגט די גאנצע וועלט. אים קריעג צווישען רוסלאנד און יאפאן איז איהם צוגעפאלען די אויפגאבע, צו קאָמאנדירען די רוסישע פלאָטע, וועלכע האט געזאלט בעפרייען פארט־ארטהור. גלייך, ווי ער איז ארויס מיט זיין פלאטע פון דער היים, האט איהם פאסירט א אונאנגענעהמער צופאל. פאהרענדיג ביי נאכט נישט ווייט פון דער ענגלישער קיסטע, האט ער געגעבען הולל בעגעגענט ענגלישע פישער־שיפלעך און מיינענדיג, אז עס זענען דאס יאפאנישע טארפעדא־באאטע, וואס ווילען זיין פלאטע צערשטערען, לאזט ער אויף זיי שיעסען. עטליכע פישער זענען דאבייַ געטעדטעט און עטליכע שיפלעך דערטרונקען געווארען. אין ענגלאנד איז געווארען א ליארעם. די צייטונגען האבען פערלאנגט, ענגלאנד זאל רוסלאנד ערקלערען דעם קריעג. דורך פראנקרייכס פערמיטלונג איז די זאך איבערגעגעבען געווארען א שיערדס־געריכט און רוסלאנד האט געצאהלט איבער אנדערטהאלב מיליאָן פראנק שאדען־ערזאץ.

ראשדעסטווענסקי איז מיט זיין פלאטע ארומגעפאהרען גאנץ אפריקא און א גרויסען טהייל פון אזיען. ערשט נאך א דרייפיערטעל יעהריגער רייזע האט ער זיך פעראייניגט מיט דער הילפספלאָטע אונטער אדמיראל נעבאגאטאוו און צוזאמען זענען זיי אים מאי 1905 געקומען אויף דעם קריעגסשויפלאץ אין אסטאזיען. פארט־ארטהור איז שוין לאנג געפאלען, די דארטיגע רוסישע פלאטע איז געוועזען גאנץ פערניכטעט. אין דער שלאכט ביי דער אינזעל טשושימא אם 27־סטען מאי האט אויך ראשדעסטווענסקי ערליטען א גרויסע ניעדערלאגע. זיין גאנצע פלאטע איז טהיילס פערניכטעט טהיילס געפאנגען געווארען. ער אליין איז שטארק פערוואונדעט געפאלען די יאפאנער אין די הענד. אויך נעבאגאטאוו האט זיך אונטערגעגעבען. די ניעדערלאגע פון טשושימא האט רוסלאנד געצוואונגען, מיט יאפאן פריעדען צו שליעסען.

ראשדעסטווענסקי און נעבאגאטאוו זענען שפעטער געשטעלט געווארען פאר א קריעגסגעריכט. נעבאגאטאָוו איז פערורטהיילט געוואָרען צום טויט, אבער ראשדעסטווענסקי פרייגעשפּראכען. שפעטער האט מען איהם גאנץ פערגעסען.

ראשדעסטווענסקי איז אלט געוועזען 60 יאהר. ער האט געדיענט אים מיליטער זייט זיין 17 לעבענס־יאהר און איז געוועזען איינער פון די אנגעזעהענסטע רוסישע אדמיראלע.

אונזער היינטיגע אילוסטראציע שטעלט איהם פאָרשטעהענדיג אויף דער קאמאנדאבריק פון זיין אדמיראלס־שיף.

# האכצייט אין דער קייזערליכער פאמיליע.

לעצטען זאמסטאג האט שטאטגעפונען אין סאיבוש (גאליציען) די האכצייט פון דער ערצהערצאגין רענאַטאַ מאריא, טאכטער פונ'ם ערצהערצאג קארל סטעפאן, מיט דעם פירסט היעראנים ראדזיוויל, זוהן פונם פירסט דאמיניק ראדזיוויל. דער חתן ענטשטאמט פון דער אלטער פירסטען־פאמיליע ראדזיוויל, וועלכער האט אין דער פוילישער געשיכטע געשפיעלט א גרויסע ראלע.

אלס פערטרעטער פונ'ם קאיזער זענען געקומען צו דער האכצייט די ערצהערצאגע פריעדריך און לעאפאלד סאלוואטאר. אויסערדעם זענען געווען נאך איינינע מיטגליעדער פון קאיזערליכען הויז.

נאך דער טרויאונג אין דער קירכע האט שטאטגעפונדען אים פאלאסט פון ערצהערצאג קארל סטעפאן, א פעסטמאהל פאר אלע האכצייטס־געסט. ערצהערצאג לעאפאלד סאלוואטאר האט טאאסטירט אויף דעם ברויטפאאר. פירסט פערדינאנד ראדזיוויל אויף דעם קאיזער און ערצהערצאג קארל סטעפאן אויף די פאמיליע ראדזיוויל. דער ערצהערצאג האט אנגעהויבען זיין טאאסט אויף פראנצעזיש און געענדיגט אויף פויליש מיט דעם אלטפוילישען »Kochajmy się!«.

ערצהערצאג קארל סטעפאן וואהנט שטאביל אין סאיבוש און האט ווידערהאלט בעוויזען וואהלטהעטיגקייט די יודישע געמיינדען אין דער אומגעבונג. אויך די פירסטליכע פאמיליע ראדזיוויל איז בעקאנט אלס יודענפריינדליך.

אין אונזער היינטיגער נומער ברענגען מיר די בילדער פון דעם ברויטפאאר נאך א אריגינעלער פאטאגראפיע.



בראניסלאו הובערמאן שפיעלט אויף פאגאניני'ס פיעדעל.

# בראניסלאוו הובערמאן און פאגאניני'ס פיעדעל.

דער בעריהמטע יוגענדליכע נייגענקינסטלער בראָניסלאַוו הובערמאַן, א קינד פון א יודישען ווינקעלאדוואקאט אין טשענסטאכאוו, וועלכער האט שוין אלס קליין קינד די וועלט ערשטוינט מיט זיין ארטיסטיש שפיעלען אויף פיעדעל, איז די טעג אויפגעטרעטען אין א קאנצערט אין גענוא. וואס זיינע הכנסות זענען געוועזען געווידמעט די פעראונגליקטע פון מעסינא. עס איז נאטירליך, אז דאס קאנצערט האט געבראַכט א גרויסע הכנסה. ווייל הובערמאן'ס נאמען אליין איז געוועזען גענוג, אז די בעסטע קרייזע פון גענוא זאלען זיך שטופען צו הערען דעם גענִיאַלען קינסטלער.

דאסמאל אבער האט דאס קאנצערט געהאט נאך א בעזונדערע אנציעהונגס־קראַפט. אים מוזעאום פון גענואַ ליעגט בעהאלטען דער פיעדעל פונ'ם גרעסטען נייגענ־



דער בייראם־פֿעסט. דעם סולטאנס האפמארשאל קוילעט דעם קרבן פאר'ן סולטאנס וועגען אים קאיזערליכען פאלאסט.



ערנסטע נאכריכטען פון כינא: דער מיניסטער יואן-שי-קאי, וועלכען פרינץ טשין האט אָבגעזאגט פון זיין שטעלע.



באָמבען-עקספלאָזיאָן אין א קאסערנע: לייטנאַנט שניידער טערטעט זיך אין דער פשעמישלער קאסערנע דורך אַ דינאמיט-פאטראָנע.

קינסטלער פאגאניני (געבוירען אים יאהר 1782, געשטארבען 1840). אט דיעזער פידעל איז ביי די גענועזען א גרויס היילינגטהום. און פאר קיין שום געלד אין דער וועלט וואלטען זיי איהם נישט פערקויפט. דער ענגלישע קראָנפרינץ האט א מאל געוואלט דעם פידעל אויסשטעלען אין א לאנדאנער קונסטאויסשטעלונג און אנגעבאטען די גענועזער א מיליאן לירא אלס קאוציע, האט זיך אויך געוואלט פערפפליכטען, דעם פידעל איבערצופיהרען קיין לאנדאן און צוריק אויף א קריעגסשיף אונטער דער שטרענגסטער בעוואכונג — אבער די גענועזער האבען זייער היילינגטהום נישט געוואָלט ארויסגעבען.

אָצינד, כדי די הכנסות פונ'ם קאָנצערט צו פערגרעסערן, האט מען דעם פידעל אנפערטרויט דעם יונגען קינסטלער — א עהרע, וועגען וועלכער די גרעסטע ארטיסטען זענען איהם מקנא.

וועלכטפערשטענדליך האט מען דאביי געמאכט גרויסע צערעמאניעס. א שפעציעל קאמיטע האט דעם פידעל ארויסגענומען פון זיין בעהאלטעניש אין געגענווארט פון צוויי נאטאריען און דאס קאָמיטע האט איהם איבערגעגעבען אין דעם זאאל, וואו דאס קאנצערט איז געווען. אויף דער עסטראדע נעבען דעם קינסטלער זענען געזעסען מיטגליעדער פונ'ם קאמיטע און האבען קיין אויג א־אבגעלאָזט פונ'ם פידעל. ביי יעדער פויזע האבען זיי ביים קינסטלער דעם פידעל צוגענומען און געהאלטען אין די הענד. נאך דעם קאָנצערט האָט דאס קאָמיטע אין געגענווארט פון די נאטארען דעם פידעל צוריקגעטראגען אין מוזעאום אריין און פערפערטיגט א פראטאקאל, אין וועלכען עס ווערד בעשטעטיגט, אז דאס איז טאקי דער ארינגעלעגער פידעל און מען האט איהם חס־וחלילה נישט פערביטען.

דאס קאנצערט איז אבגעלאפען גלענצענד. הובערמאן האט בעוויעזען וואס ער קען.

אין אונזער היינטיגער נומער ברענגען מיר א אריגינעל בילד, וועלכעס שטעלט פאר בראניסלאוו הובערמאן שפיעלענדיג אויף פאגאנינים פידעל.

## דער בייראם-קרבן ביי די טערקען.

פאָריגע וואך האבען די מאהאמעדאנער געפייערט זייער גרעסטען יום־טוב, דאס בייראם־פעסט. לויט אנ'אלטער איבערליעפערונג שטאמט דער יום־טוב פון די עלטעסטע צייטען אלס אנדענקען אן אברהם אבינו, וועלכער האט אין דער צייט געוואָלט זיין זוהן ישמעאל (נישט יצחק ווי ביי די יודען) מקריב זיין פאר א קרבן.

די מאהאמעדאנער בעהויפטען אויך, אז די עקדה האט געזאלט געשעה'ן אין מעקא, אויף דעם ארט, וואו זייער נביא מאהאמעד ליעגט בעגראבען און איבערדעם איז מעקא היילינגשטין פון אברהם'ס צייטען.

אלס אנדענקען אן דער „עקדת־ישמעאל" איז יעדער מאהאמעדאנער, וואס בעזיצט א געוויסען גראד פערמעגען, מחויב מקריב צו זיין א קרבן. דאס הייסט צו קוילען א שעפעלע, וועלכעס ווערד צעטהיילט אויף דריי טהייל. איין טהייל פאר ארמע, איין טהייל פאר מתנות און דער דריטער טהייל ווערד געגעסען פון דער פאמיליע.

דאס קרבן מוז זיין גאנץ אהן א מום; דעריבער מוז מען נאך דעם קויפען, אז עס האט א פעהלער, בעדארף עס נאר אנ'ארימער מאהאמעדאנער בענוצען פאר א קרבן; א רייכער מוז קויפען איין אנדערען.

אויך אים פאלאסט פונ'ם סולטאן ווערד געקוילעט אזא קרבן דורך דעם ערשטען הויפבעאמטען אין געגענווארט פון אלע האפבעאמטע.

אונזער היינטיגע אילוסטראציע שטעלט פאר דאס בילד, ווי עס ווערד אים סולטאנס פאלאסט דער קרבן בייראם געקוילעט.



ערנסטע נאכריכטען פון כינא: פרינץ טשון מיט זיינע הויפבעאמטע אויף א בעזוך ביים דייטשען אמבאסאדאר.



וויליאם גלעדסטאן. קארל דארווין. אבראהאם לינקאלן. פריעדריך שאפען. פעליקס מענדעלזאהן.

# נאך הונדערט־יאהר.

אין דעם יאהר 1909 וועלען ווערען געפייערט די הונדערט־יעהריגע געבורטסטאגע פון עטליכע בעריהמטע מענער, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכנעט אויף פערשיעדענע געביעטע, און צוואר פון דעם מוזיקער פעליקס מענדעלסזאהן־בארטהאלדי (אן אייניקעל פון מאזעס מענדעלזאהן), געבוירען אם 3. פעברואר 1809; דעם מוזיקער פריעדריך שאפען, געבוירען אם 1. מערץ 1809; אבראהאם לינקאלן, פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען פון נארדאמעריקא; קארל דארווין, דער בעריהמטע נאטורפארשער און פילאזאף; וויליאם עדוואר"ד גלאדסטאן, דער בעריהמטע ענגלישע פאליטיקער און שטאאטסמאן.

אלע דיעזע 5 גרויסע מענער האבען זעהר פיעל פאר דער קונסט, וויסענשאפט און פאליטיק געלייסטעט און היינט נעמען זיי פערצייכנעט מיט גאלדענע בלעטער אין דער וועלטגעשיכטע. זייערע הונדערט־יעהריגע געבורטסטאגע וועלען אין דער גאנצער ציוויליזירטען וועלט געפייערט ווערען.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער די פאטאגראפיעס פון דיעזע 5 גרויסע מענער.

# ערנסטע נאכריכטען פון כינא.

אין כינא איז פאר קורצעם די אלטע קאיזערין מיטער געשטארבען. עטליכע שעה נאך איהר טויד איז אויך דער קאיזער געשטארבען און די רעגיערונג האט איבערגענומען פראוויזאריש דער פרינץ טשון.

עס הערען זיך איצט נאכריכטען, אז אט דער פרינץ טשון האט טאקי געלאזט דעם קאיזער פערגיפטען, כדי ער זאל איבערנעהמען די ממשלה. עס איז בעקאנט



30־יעהריגעס שריפטשטעלער־יובילעאום: ס. א. קאמינער.

אז דער פערשטארבענער קאיזער איז געוועזען געניינט, איינצופיהרען רעפארמען אין זיין לאנד. דאס האט געפיהרט דאצו, אז די אלטע קאיזערין האט צוגענאמען די רעגיערונג אין איהר האנד און דער קאיזער איז געוועזען ווי איהר געפאנגענער. ווען זי איז געשטארבען, האבען די פאלאטישע פרינצען מורא געהאט, אז דער קאיזער וועט ווערען פריי און ווידער פרובען איינצופיהרען רעפארמען, איבערדעם האבען זיי איהם געלאזט פערגיפטען.

א בעווייז, אז דער פרינץ טשון וויל נישט צולאזען צו קיין שום רעפארם, איז צו זעהען דאפון, וואס ער האט אבגעזאגט פון זיין שטעלע דעם ערשטען מיניסטער יואנשיקאי, דעם וויכטיגסטען כינעזישען פאליטיקער. יואנשיקאי איז אויך געוועזען א פריינד פון רעפארמען און איבערדעם האט איהם פרינץ טשון בעזייטיגט — מען האט מורא, אז די בעוועגונג געגען די אייראפעער זאל זיך נישט ווידער ערנייערן אין כינא.



א יוד בעקומט דעם נאבעל־פרייז: פראפעסאר עהרליך.

אין אונזער היינטיגער נומער ברענגען מיר די פאטאגראפיע פונ'ם מיניסטער יואנשיקאי, און א בילד אויף וועלכען עס זענען פארגעשטעלט דער פרינץ טשון מיט די העכסטע כינעזישע ווירדענטרעגער אין דעם מאמענט, ווען זיי בעזוכען דעם דייטשען אמבאסאדאר.

# באמבענעקספלאזיע אין א קאסערנע.

זייט דעם די רעוואלוציאנערע האבען זיך אנגעוואוינט צו בעדראהען מיט דינאמיט־באמבען פאר וויכטיגע צוועקע, ערוועקט יעדע באמבענעקספלאזיע דאס גרעסטע אויפזעהען. איבערדעם קען מען זיך פארשטעלען די איבערראשונג, ווען עס איז פאריגען דיענסטאג מערקווירדיג געווארען די נאכריכט, אז אין פשעמישל איז אין דער מיליטערישען קאסערנע א דינאמיט־באמבע עקספלאדירט. מען האט געמיינט, עס האבען דאס געטהון אויסלענדישע שפיאנע אדער רעוואלוציאנערע.

שפעטער אבער איז מען געוואהר געווארען, אז דאס האט געטהון דער לייטנאנט אנטאן שניידער, נאר עס איז נישט קלאר, אויב ער האט געוואלט נאר זיך אליין נעהמען דאס לעבען אויף אזא שרעקליכען אופן, אבער ער האט עס געטהון אויס ראכע קעגען זיינע פארגעזעצטע.

אנטאן שניידער איז דיעזען טאג געשטאנען פאר א מיליטער־געריכט, אונטער דער אנקלאגע, אז ער האט אויף אונערהערטע וויזע געמאכט גרויסע שולדען. דאס געריכט האט איהם פערורטהיילט צו א לענגערער פעסטונגס־שטראפע און צור דעגראדאציאן, דאס הייסט ער זאל פערליערען זיין ראנג אלע אפיציער. וועהרענד די ריכטער האבען זיך בעראטהען, האט מען איהם ארויסגעפיהרט פון זאאל, און ווען ער איז שפעטער ווידער הינייגעבראכט געווארען, אויסצוהערען דאס אורטהייל, האט ער אונטער דער טהיר פון געריכטסזאל געווארפען א דינאמיט־פאטראנע, וועלכע איז געפלאצט מיט פירכטבארער קראפט און האט איהם אין שרעקליכע ווייזע צעריסען אויף שטיקער.

די עקספלאזיאן האט זיך געהערט אין דער גאנצער גאס און אין פיעל הייזער זענען די שויבען צעבראכען געווארען.

אויסער שניידער איז קיין מענש עפעס געשעהען.

אונזער אילוסטראציע שטעלט פאר דעם מאמענט ווען שניידער ווערד דורך דער עקספלאזיאן בוכשטעבליך צעריסען אויף שטיקער.



אויסגערויבט אין א קירכע; דער מעסנער פון דער סטעפאנסקירכע אין וויען מיט אייניגע פרויען ענטדעקען דאס אויסגערויבטע יודישע מיידעל.

איבער א שעה איז עס געשטאנען אין ווינקעל. פריערענדיג פאר קעלט. שליעסליך איז איהר דאס ווארטען געווארען צו לאנג און זי האט אנגעהויבען יעמערליך צו וויינען. אויף דעם געוויין זענען אנגעקומען דער מעסנער און איניגע פרויען, וועלכע האבען דאס דערשראקענע און האלב-פערפרוירענע קינד איינגעהילט אין ווארמע קליידער און עס דורך די פאליציי אבגעשיקט א היים.

די פרוי, וועלכע האט ביי דעם קינד צוגענומען די קליידער, האט די פאליציי נישט געקענט געפונען. עס איז מעגליך, אז זי איז משוגע אדער זי האט זיך טאקי געלאקעמעט די פאר קליידליך פונ'ם מיידעל.

עס פרעגט זיך נאר, וואס וואלט געשעהען, ווען עס זאל זיך געווען טרעפען דיעזעלבע מעשה מיט א קריסטליך קינד און א יודישער פרוי אין א שוהל... דעמאלט וואלט מען נישט געזאגט, עס האנדעלט זיך וועגען א משוגענער פרוי. נאר א שרעקליך שקר-בלבול. א עלילת-דם. וואלט געווען פארטיג...

אונזערע היינטיגע אילוסטראציע שטעלט פאר די סצענע, ווען דאס ארמע קינד ווערד פונ'ם מעסנער אין דער קירכע ענטדעקט.



ביי דער סערבישער גרעניץ.

# דאס עלענד אין לאנדאן.

לאנדאן איז די גרעסטע שטאדט אין דער וועלט. צוזאמען מיט די פארשטעדט צעהלט זי איבער 7 מיליאן איינוואהנער, באלד אזוי פיעל ווי גאנץ גאליציען.

לאנדאן איז די גרעסטע האנדעלסשטאדט פון דער וועלט, די גרעסטע באנקהייזער, די גרעסטע עקספארט-הייזער, די גרעסטע פאבריקען געפונען זיך דארט.

אין לאנדאן הערשט דער גרעסטער פעקעהר, דער גרעסטע הו-הא, דער גרעסטע יריד. מענשען לויפען און יאגען. פערטהין פערטראגען, מען האנדעלט מען וואנדעלט, יעדע מינוט איז דארט געלד...

אין אזא וועלטשטאדט קומען אויך פאר די גרעסטע פערברעכען. די געפעהרליכסטע פערברעכער האלטען זיך דארט אויף, זיי האבען שוין זייערע געהיימע בעהאלטעני-שען און די טיכטיגסטע געהיים-פאליציסטען קענען זיי נישט פאקען.

אין לאנדאן וואוהנען די רייכסטע מאגנאטען, דארט זענען פארהאנען די גרעסטע געלד-אוצרות. אלע מיליא-נערע פון דער וועלט, אלע קעניגע און פירסטען האלטען דארט זייערע פערמעגענס.

אין לאנדאן הערשט אבער אויך דאס גרעסטע עלענד. הונדערטטויזענדע מענשען געהען דארט ארום אהן ברויט. אהן ארבייט, אהן א היים, צעהנערטויזענדע שטארבען פאר הונגער און קיינער ווייסט נאר נישט דא-פון, די גרויסע צדקה-חברות זענען נישט אומשטאנד, אלע צו העלפען.

בעזונדערס דאס יאהר איז דארט דאס עלענד שרעק-ליך, דער האנדעל איז א ביסעל געשלאגען, און די צאהל פון די ארבייטסלאזע וואקסט פון טאג צו טאג, עס איז אונמעגליך צו שילדערן די איינצעלהייטען פון דעם לאנ-דאנער עלענד.

א בילד דאפון קען מען זעהן אין אונזער היינטי-גער אילוסטראציע, וועלכע שטעלט פאר, ווי לאנדאנער ארבייטס-לאזע פערברענגען די קאלטע ווינטערנעכט אויף הארטע בענק אין עפענטליכע גארטענס. אזוינע שרעק-ליכע בילדער זעהט מען אצינד אין לאנדאן אין אלע זייטען.

# אויסגערויבט אין דער קירכע.

דאס פערנארען פון יודישע קינדער אין קלויס-טער'ס און זיי צווינגען צו דער שמד איז אין די לעצטע יאהרען אפטערס פארגעקומען, אבער דער פאל, וואס האט זיך פאריגע וואך ערייגנעט אין וויען, איז זעהר זעלטען און מערקווירדיג.

דאס יודישע 8-יעהריגע מיידעל מאריע האלבער-טהאל, וועלכע ווערד ערצויגען אויף קאסטען פון דער יודישער געמיינדע, איז פון א אונבעקאנטער פרוי פערנארט געווארען אין דער גרויסער סטעפאנס-קירכע אריין, דארט האט זי דאס דערשראקענע קינד געפיהרט אין א דונקלען ווינקעל און האט איהר געהייסען אויסטהון די קליידער. זאגענדיג, אז באלד וועט זי איהר ברענגען שענערע און בעסערע. אין דער קירכע איז דעמאלט קיינער נישט גע-ווען, דאס קינד האט זיך געלאזט אויסטהון און איז גע-בליעבען האלב נאקעט אין דער איינזאמען דונקלען קירכע.

# ביי דער סערבישער גרעניץ.

די גרעניץ צווישען סערביען און עסטעררייך-אונ-גארן איז היינט די וויכטיגסטע אין גאנץ איירפא. די ביידע זייטען ווערען שטרענג בעוואכט און עס זענען שוין עטליכע מאל פארגעקומען ערנסטע צווישענפעלע צווישען די בייהער-זייטיגע בעוואכונגען. ביידע שכנים האבען מורא, דער אנדערער זאל איהם נישט פלוצים איבער-פאלען.

די סערבען בעהויפטען, אז די עסטערייכער איבער-פאלען זייערע פאסט-אלען. די עסטערייכער זאגען פער-קעהרט, אז די סערבישע גרעניץ-וועכטער שיעסען אריבער אויף די עסטערייכער.

מיר ברענגען היינט אין אונזער נומער צוויי בילדער פון דער סערביש-עסטערייכישער גרעניץ.



ביי דער סערבישער גרעניץ.



ראס עלענר אין לאָנדאָן: ארבייטסלאָזע פערברענגען די קאלטע ווינטערנאכט אויף הארטע בענק אין א גאָרטען.

טערנעשריעכען 4 טוירט־אורטהיילע, די 4 פערברעכער האבען אויך תיכף בעקומען זייער פסק. עס זענען דאס געווען נאר געפעהרליכע מערדער און דאס גאנצע פאלק בעניידט זייער טוירט מיט בעפריעדיגונג. — דאמיט איז אבער די פאלייטישע זייט פון דער פ־אגע נישט געלעזט. ביי מינדערוויכטיגע פערברעכען וועט דער פ־עזידענט ווייטער די אורטהיילע נישט וועלען בעשטעטיגען.

דער פראנצויזישער מארינע־מיניסטער פאָדערט 800 מיליאן פראנק, כדי די פראַנצויזישע קריעגסמאַרינע צו פערבעסערן און צו פערשטערקען. די קאַמער וויל אָבער דאס נישט בעווילינען. אזוי לאנג ווי דער מיניסטער וועט נישט אבגעבען א גענויען בעריכט וועגען אלע אונרעגעלמעסיגקייטען, וואס ער האט אין דער מארינעפערוואלטונג אויפגעדעקט. דער מיניסטער וויל אבער דאס נישט טהון, וויל מען טאר נישט אויסזאגען אלע סודות פונ'ם חדר און עס מעגליך, אז ער וועט דעמיסאנירען.

— לויט ידיעות זענען פאסט אלע בריקען צווישען עסטערייך און סערביען אונטערגעלעגט פון דער סערבישער זייט מיט דינאַמיט, כדי מען זאל זיי קענען צו יעדער מינוט שפרענגען אין די לופט... די עסטערייכישע רעגיערונג האט דאריבער רעקלאַמירט און סערביען האט געענטפערט אז דאָס איז געשעהען, כדי זיך צו שיצען געגען אַנ'איבערפאַל פון עסטערייכישער זייט.

— האטשי עס שוועבען די פערהאנדלונגען צווישען בולגאריען און דער טירקיי וועגען אנ'אויסגלייך איבער אסטרומעליען, ווערען אין בולגאריען ווייטער געמאכט גרויסע קריעגספארבערייטונגען, און דאס צווינגט די טירקיי. אויך פון איהר זייט ביי דער בולגארישער גרעניץ אנצוזאמלען פיעל מיליטער.

— ווי עס הערט זיך, איז דאס פראָיעקט וועגען דער קאָנסטיטוציע אין באסניען שוין פארטיג און וועט באלד ווערען פערעפענטליכט. די וואהלאָרדנונג וועט זיין עהנליך ווי צו די עסטערייכישע לאנדטאגע.

# פון נאהענט און פון ווייט.

— אין איקאָ (אונגאַרן) האט זיך געטראפען א געפעהרליכע גרובען־קאטאסטראפע, ביי וועלכער עס זענען 40 אַרבייטער געטעדטעט געווארען.

אין אַ קליין שטעדטיל אין בעהמען האָט א 13־יעהריגער יונגע פערנאַרט דריי קליינע קינדער אין א הויף אריין און האָט זיי מיט א מעסער דערשטאָכען, צוויי זענען געשטארבען. דאס דריטע געפינט זיך אין שפיטאל, ווען מען האט איהם געפרעגט, ערקלערט ער, אז עפיס א אינערער טריעב האט איהם דאצו געברענגט. עס זעהט אויס, אז דאס איז ביי איהם א מין שגעון.

— אין ווארשא האט די פאָליציי אַרעסטירט צוויי יונגע לייט אין אַ פרעהליך הויז, וועלכע האָבען געצויגען אויף זיך אַ פערדאַכט דורך זייער אונגעהויערער פערשווענדעריי. ביי דער דורכזוכונג האָט מען ביי זיי געפונען א האלבע מיליאן רובל אין באנקנאָטען און ווערטהפאפיערען, מען רעכענט, אז דאס געלד שטאמט פון עפיס א גרויס פערברעכען.

— מיט עטליכע חדשים צוריק האט מען געטראָפען אין פאריז דעם מאלער שטיינטהאל און זיין שוויעגערמוטער ערמאָרדעט. זיין פרוי איז געלעגען אין בעט געבונדען און אין דער וואהנונג זענען געווען צייכען פון א געוואלטזאמער בערויבונג. די פאליציי האט חושד געווען די איינענע פרוי פונ'ם ערמאָרדעטען, אז זי איז מיטבעטהיילגט אין דעם מארד און מען האט זי ארעסטירט. ביז איצט האט זי אלעס געלייקענט. ערשט דיעזע טעג האט זי זיך מודה געווען, אז זי האט טאקי איהר מאן געטעדטעט, כדי צו הייראַטהען איהר געליעבטען. און כדי דער חשד זאל נישט פאלען אויף איהר, האט זי טאקי אליין איהר איינענע מוטער געטעדטעט.

— דער יונגער פילאנטראפ און גרויסער ערדבעזיצער הערצאָג פאמפעא ליטא האט פארגעלעגט דער איטאַליענישער רעגיערונג א אריגינעלען פראיעקט. ער לעגט פאר, אז 5 טויזענר פאַמיליעס פון קאלאבריען און מעסינא זאלען זיך בעזעצען אויף ויינע פעלדער אין פלארידא (אַמעריקא). יעדער קאלאניסט וועט בעקומען א שטיק לאנד אהן געלד, און וועט נאך חוץ דעם האבען די מעגליכקייט צו פערדיענען אויף חיונה דורך ארבייט אין די פעלדער, מינען, און וועלדער, וואס ליגען אויף דעם הערצאָג'ס ערד. ער האט שוין זאגאר פערזענליך איבערגעגעבען דעם איטאַליענישען פאסטעל אי פארייז א נאטאריעלען דאקומענט איבער דעם פלאן פון דער „נייע מעסינא“, וואס ער וויל גרינדען אויף זיינע גיטער אין פלארידא.

— דער פרעזידענט רוזוועלט האט די טעג גערייטען מיט א מאל א שטיקע פון 98 ענגלישע מייל אין 17 שעה. דאס איז געווען א ענטפער אויף די וואס האבען איהם אזוי שטארק קריטיקירט פאר זיין פעראררנונג, אז די אפיצירען זאלען מאכען אזעלכע רייט־פראבעס אין כדי צו ווייזען, אז דאס איז גארנישט אזא שווערע זאך האט ער אליין געמאכט אזא רייט־פראבע. ער האט 8 מאל געטוישט דאס פערד. אין מיטען רייטען איז געפאלען א האגעל. דערנאך איז ער גארנישט געוועזן מיער. און די קארעספאנדענטען, וואס זענען איהם נעקומען אינטערוויואירען און פרעגען; ווי אזוי די רייזע איז צוגעגאנגען, האט ער געענטפערט מיט איין וואָרט: „אויסגעצייכענט“.

# הומאר און סאטירע

## א נוטע אויסרייד.

קויפמאן: (אהיים־גייענדיג שפעט ביי נאכט און טרעפענדיג א גנב ביי זיין אויפגעבראָכענעם קאסע־קאסטען): הע, דו מערדער, וואס ווילסטו דא?

גנב: איך בין פערטרעטער פון א אינפארמאציאנס־ביורא און ברויך צו וויסען, וויפיעל איהר פיהרט...

## ער איז פארזיכטיג.

משה'לע: זיידע, האסטו נאך ציין?

זיידע: ניין—איך האב זי שוין אלע פערלוירען.

משה'לע: אויב אזוי, בעהאלט'זשע מיר דאס עפעלע, וואָס די באבע האט מיר געגעבען.

## ער זוכט א דירה.

פאליציסט (צו אנ'שכור צווישען א ויינער ביי נאכט): הע, מענש, וואס זוכסטו דא אין דער נאכט?

שכור: א דירה!

פאליציסט: איצט אין מיטען דער נאכט?

שכור: טאקי מיין איינענע.

## ריזנייעסטע הוט־מאדע.



א קלוג פאר־פאָלק גיבט זיך אנ'עצה.

רעם אנדערן טאג האט זילבערפעלר אפגענומען אין א קאנטאר דאס געלד פאר זיין לאז, האט זיך געקויפט א נייעם אנצוג, א איבערציהער און א הוט.

— שוין גענוג געוועזן אנ'אלטער בחור! — קלערט ער ביי זיך — מען מוז אנהייבען צו טראכטען וועגען א תכלית!

ק—ל.

## רעטהזעל.

(די נעמען פון די אויפלעזער ווערען פער־עפענטליכט).

## שאך־אויפגאבע.

שווארץ



וויים

מאט אין 3 ציגע.

## ווארט־רעטהזעל.

נייאויס, גלייכטיר, דערצווי, אונעסט, רייך, שענער.

פון דיעזע 6 ווערטער זאלען צוזאמענגעשטעלט ווערען 6 ווערטער, וועלכע בעדייטען א וויכטיג גראייגנים פון די לעצטע טעג.


# Kaufm. Fern-Unterricht!

בוכפיהרונג (אללע מעטארען) האנדעלסקארעספאנ־דענץ, רייטשע שפראכלעהרע, קויפמ. רעכנען, האנדעלס־ או. וועכסעלרעכט, ווארענקונדע, נעאגראפיע, שענשרייבען, וועלט־געשיכטע, עספעראנטא — וועלטשפראכע, סטענאגראפיע (אללע סיסטעמע) א. ז. וו. קאנן יעדערמאנן אהנע בעזאנדערע פארקענטניססע אים ברינפליכען וועגע אונד אין קורצער צייט גרינדליך ערלערנען — האנאראר מעסיג, — ביי גלייכצייטיגער מיילנאהמע אן 4 לעהרפעכערן,

Stenographie gratis

אנפראגען נור געגען רעטורקארטע, פראספעקטע געגען 15 העל־פראבעבריעפע K. 1.50 פראנקא, ערפאלג גאראנטירט!

**Erstes commerc elles Unterrichts-Institut.**

Abteilung für briefl. Unterricbl

**A WEISSMANN, Podgórze-Krakau JIZ.**



## Panienka lub uczeń

znajdzie troskliwą opiekę przy intel. rodzinie żyd. w Krakowie. — Fortepian w domu.

Wiadomość w Redakcyi „Judische illustrierte Zeitung", Grodzka 62



Spezial-Verkehr nach Süd-Russland.

**N. Katzner, Sped tion u. Kommission**

Podwoloczyska, Woloczysk, Brody und Radziwilow

Feste Durchfrachten von und nach Russland.

Export von Holzwolle, Eierkistenbrettern u. Sensenwetzsteinen

**Steinkohlen, Antracit und Koks.**

Tee in Originalpaketen mit kais. russ. Kronsbanderolle.


# פרעמיעם

פאר די אבאנענטען פון דער

# „יודישען אילוסטרירטען צייטונג".

א) ווער עס אבאנירט די „יודישע אילוסטרירטע צייטונג" דירעקט ביי דער אדמיניסטראציע אין קראקא ווענ'גסטענס אויף א האלב יאהר, אריינשיקענדיג דאס געלד אים פאר'ויס, בעקומט די נאכשטעהענדע 15 העפטע פון דעם בעריהמטען, האכשפאנענדען דעטעקטיוו־ראמאן „מאקס שפיצקאפף" (יודישער שערלאק האלמעס), וועלכע קאסטען צוזאמען 3 קראנען, בלויז

## פאר 1 קראנע.

יעדעס העפט ענטהאלט א גאנצען אפגעשלאסענע האכשפאנענדע ערצעהלונג, קיין פארזעצונג, מיט א שענער אילוסטראציע.

די העפטע ענטהאלטען פאלגענדע ערצעהלונגען:

1) נערויפט צו דער שמד...
2) באנקנאטען פעלשער.
3) עלילת דם...
4) א רעטהזעלהאפטער מארד.
5) דער שמוגגלער...
6) דאס געפעלשטע טעסטאמענט.
7) דער שפיאן.
8) דער מערבען הענדלער.
9) דער באנק־איינברעכער.
10) די קינדער־מערדערין.
11) דער טוידטען־גרעבער.
12) דאס געהיימניס פון א מיליאנער.
13) די דערטרונקענע כלה.
14) דער מיסיאנער.
15) די נאכטוואנדלערין.

ב) אנשטאט דיעזע העפטע קען מען אויך בעקומען די פאלגענדע וויכטיגע ספרים פון דעם בעריהמטען יודישען געלעהרטען דר. ש. רובין:

א) **תהלת הכסילים,** ב) **ספור יצירת העולם,** ג) **שני לוחות הפילוסופיה.**

וועלכע קאסטען 4 קראנען, בלויז

## פאר 1.50 קראנע.

ג) ווער עס אבאנירט די „יודישע אילוסטרירטע צייטונג" **אויף א גאנץ יאהר** און בעצאהלט אים פאראויס, בעקומט ענטוועדער די 15 העפטע מאקס שפיצקאפף אדער די ספרי דר. רובין

## גאנץ אומזיסט.

די אבאנענטען ברויכען נאר צו שרייבען, וועלכע פרעמיע זיי ווינשען: האלב יעהריגע אבאנענטען ברויכען גלייכצייטיג צוזושיקען דאס געלד פאר דער פרעמיע.


# אגענטען

אויפצונעהמען

# אבאנענטען

און

# אנאנסען

ווערען געזוכט.

גרויסע פראוויזיאן.

זיך צו מעלדען ביי דער אדמיניסטראציאן פון דער יודישען אילוסטרירטען צייטונג אין קראקוי.



# *Drukarnia*

# *Józefa Fischera*

***w Krakowie - Grodzka 62***

*Staranne i szybkie wykonanie*

***wszelkich robót drukarskich.***



# Ch. S. Fränkel

**WIEN, I., ROCKGASSE 10**

STEPPDECKENFABRIK

**Bestellungen aus der Provinz werden prompt ausgeführt.**

# Najpopularniejsze tytonie

tak zwana „SIEDEMNASTKA“

(Feiner Herzogowina Rauchtabak) paczka 34 halerze.

i tak zwana „TRZYNASTKA“

(Mittelfeiner türkischer Rauchtabak) paczka 26 hal.

Te dwie odmiany tytoniu w równych częściach zmięszane dają doskonałą mieszankę. — Bardzo smaczną jest w paleniu i nadaje się znakomicie do tutek „Noris“ oznaczonych literą **N**

Również nadzwyczaj smaczną jest w paleniu ta mięszanka w bibułkach cygaretowych

„POBUDKA“ wyrobu fabryki „NORIS“

**Mr. W. Bełdowskiego w Krakowie.**

Cena: „POBUDKA“ w książeczkach . . . . . . . . . . . . . 4 halerze

w opakowaniu patentowem. . . . . . . . . 6 halerzy

Zwolennikom kręconych papierosów zwracam uwagę na bibułki „POBUDKA“.

Przestańcie pal ć przeźroczyste bibułki.

Do nabycia w handlach i trafikach.



## Kalman Weinberger

krawiec męski

KRAKÓW, KOLETEK 4

Telefon 140.

איבערנימט די אויספיהרונג פאן
ועמטליכען הערענקליידערן לויט
דען נייעסטען פאסאנען צו
אללער ביללינסטען פרייזען.



## Billiger unmöglich!

Eine Nickel Rement Taschen Uhr «Syst Roskopf Patent» mit eleg. Kette und Anhänger **K. 8.50 h.**



**3 Stück — 9 K. 50 h.**

Versendet per Nachnahme

**Michael Horowitz**

**Krakau, Dietla 57** .Oest.

Cataloge Franko und Gratis.



ERSTE GALIZISCHE

## METH-BRAUEREI

mit Dampfbetrieb

## A. S. SPIRA, Podgórze-Krakau

Telefon Nr. 694.

Empfielt vorzüglichsten Doppelt-Meth sowie alten Boutellen Meth zu aussersten Preisen.

Probesendungen in eleganten Blechflaschen a 4 Liter.

Nr. 1. um K. 5. Nr. 2. um K. 4. Franko jeder Post,

Fur Wiederverkaufer Vorzugs-Preise.



אנאנסען

אין דער

„יודישען
אילוסטרירטען
צייטונג“

האבען דען
גרעסטען ערפאלג.



## „שטראהלען“.

ליטעראַרישע זאַמעלביכליך רעדיגירט

פון גרשם באדער אין לעמבערג.

דאס ערשטע העפט איז שוין ערשיענען מיט פאָלגענדען אינה...: א) נ. ב.: „טשערנאָוויץ“. — ב) ל. קאבדין: דער אייבינ... יוד. ג) השריק: א פארטזעצונג פון דער מאַמע. — ד) נ. באדער: זשורנאַליסטען (א סצענע אין איין אקט). ה) ש. י. אימבער: אקקאָרדען (געדיכט). — ו) משה פערנהאף: צער־שלאגענע געדאנקען (סקיצען) — ז) יעקב מעססעל: נאכב־געדאַנקען (געדיכט).

**פרייז 30 העללער (18 קאפ׳).**

די „שטראַהלען“ וועלען ערשיינען 4 מאָל אין יאָהר און קאָסטען אים אבאנאמענט 1 קראָנע, (50 קאָפ׳) גאנציעהריג.

דאס צווייטע העפט ערשיינט ר״ח אדר (אויף פורים) ווער עס שיקט איין א גאנציעהריג אבאנאמענט ביז 15 פעבער און איז מוסיף 20 העלער (15 קאפ׳) אויף פארטא, בעקומט דעם „יודישען פאלקסקאלענדער“ תרס״ט אלס פרעמיע גראטיס

אדרעסע:

Gustaw Bader, Lemberg, Sonnengasse 27.



Zjednoczone austryackie akcyjne towarzystwo żeglugi parowej

## AUSTRO-AMERICANA

Regularna i bezpośrednia komunikacya



z Austryi do Ameryki, Kanady i t. d.

Trzymajmy się zasady: „swój do swego“!

Kto więc chce jechać, niech się uda tylko do firmy krajowej:

Jeneralna Ajencya dla Galicyi i Bukowiny i sprzedaż kart okrętowych

## Goldlust i Sp.

Kraków ul. Lubicz 7, (naprzeciw dworca kolejowego).

Lwów, ul. na Błonie 1 2.

Czerniowce — Brody — Nadbrzezie — Podwołoczyska — Szczakowa.

oraz wszystkie prowincyonalne ajencye.

Jedyne towarzystwo żeglugi, upoważnione reskryptem ministeryalnym z d. 30. kwietnia 1904 bo 1. 21903 do ustanawiania ajentów i reprezentantów we wszystkich miejscowościach Austryi.

Zastępstwo Austryackiego l p. „Lloydu“.



„Варшавское книгоиздательство Я. Мерецкій, Варшава, Медовая 12“

„WARSZAWSKA KSIĘGARNIA NAKŁADOWA“

J. Merecki, Warszawa Miodowa 12.

## „ווארשאויער פערלאגס — בוכהאנדלונג“

י. מערעצקי, ווארשוי מיאדאווא נר׳ 12

אנגרא און דעטייל פערקויף, אויך עקספעדיציאן פון אללערליי צייטונגען, זשורנאלען, הומאריסטישע שריפטען, ראמאנען און העפטען, אינלענדישע, אויס־לענדישע אויך פעטערסבורגער און מאָסקויער.

**א פיליע פון די צייטונג „נאווא רוס“ און אנדערע.**

צו בעקומען אויס׳ן לאגער פערשיעדענע אללעראַרטיגע בעלעטריסטישע היסטא־רישע ראָמאנען, ביכער, קלאַסיקער, אויך ווערטערביכער, אין רוסישע, פּאָלנישע, דייטשע פראנצעזישע און ענגלישע שפּראכע.

**מיט דעם גרעסטען ראבאט.**

אנג א פערקויף פון פערשיעדענע אַרטיסטישע פאסטקארטען צו זעהר בילינע פרייזען.

מאדעלן און לעהרע ביכער פיר: חוראַזניקעס, מאליארעס, שלאָסערס, טישלערס, בוי־מייסטערס, עט דעקאראציאָנס געשעפטען.

ספעציעלע אבטיילונג לעהרע ביכער פאר אינזשיניערע מעכאניקער, רענטיסטען, דאקטוירים, אפטייקערס, וועבער־מייסטער, קונסטאנשטאלטען, דרוקעריין, ליטאגראפען, צייכנער א. ז. וו.

פיליאלע אין לאָדז: פּרזעיאזד נר׳ 16

Telefon Nr. 484 ✻ Unternehmung für elektrische Beleuchtung & Kraftübertr gung ✻ Telefon Nr. 484.

# Ing. Rudolf Popper, Krakau, Florianigasse 47.

Bau elektrischer Zentralstationen jeder Art und Grosse für Beleuchtung & Kraftübertragung. Komplette Einrichtungen für Fabriken, Gruben, Mühlen, Ziegeleien, Dampfsägen, Raffinerien, Brauereien, Landwirtschaften, Hotels, Villen, Palaste etc.

Bau von Schalttafeln für alle Stromarten.

Fabrikation von elektr. Starkstromapparaten für Specialzwecke.

Grosstes Lager elektrotechnischer Installationsmaterialen, Dynamomaschienen, Elektromotoren; Ventilatoren, Bogenlampen, sowie aller Art moderner Beleuchtungskorper.

Projekte, Kostenanschlage und technische Beratungen auf Verlangen kostenlos.

Linoleum Wachstuch Wasserdichte-Stoffe zu sehr herabgesetzten Preisen

liefert in reichster Auswahl

# M. H. Reinhold, Krakau, Grodgasse 69.

Linoleum und Wachstuch „En Gross" „Export" & En detail

Bevor Sie um ein Personal, Hypothekar o. Real

DARLEHEN

ansuchen

Verlangen Sie kostenlos Prospekt

MELLER L. EGYED

BUDAPEST,

VI. Podmaniczkyutcza 57.

Telefon-Interurban 46—51.



Najtaniej

poleca

w Krakowie

Grodzka 47

**B. BERTRAM**



swój fabryczny skład zegarów ściennych, pendułowych i budzików oraz biżuterye w złocie, srebrze, double ameryk. i chińskiem srebrze.

Gramophony i płyty

w wielkim wyborze na składzie jakoteż na spłaty

ceny bardzo umiarkowane.



PIECZĘCIE KAUCZUKOWE

DRUKARNIE DOMOWE, SZYLDY, NAPISY EMALIOWANE i ODLEWANE

WYKONYWA

ALEKSANDER FISCHHAB

KRAKÓW GRODZKA 50



Maszynki do strzyżenia włosów

po Kor 3.80 h.

poleca

Skład towarów żelaznych i stalowych

Bernard GRESCHLER, w Krakowie

UL. GRODZKA 43.

## ZAKŁAD WODOLECZNICZY i SANATORYUM

Spec. chor. nerwowych Dra B. Kupczyka

**Kraków, ul. Szujskiego 11.**

Wodolecznictwo parnia, kąpiele gorące powietrzne, swietlno-elektryczne, wodo-elektryczne, gazowe nasycane ciekłym kwasem węglowym (nauheimskie), sztuczne kąpiele mineralne, ciepłe wanny. — Elektryzowanie wszelkiego rodzaju. Masaż ręczny, wibracyjny, elektryczny. — Leczenie dyetetyczne, tuczne. Pokoje dla chorych:

**Wsazania:** Choroby układu nerwowego, żołądka, jelit reumatyzm, niedokrewność osłabienie ogólne, otyłość, skaza moczanowa, cukrzyca. Choroby serca i naczyń krwionośnych.

WODOCIĄGI - ŁAZIENKI - KLOZETY -

Musgravego Dauerbrandy PIECE KAFLOWE

# J. MEISELS, KRAKÓW

Telefon 163. KARMELICKA 6. Telefon 163.

Przedsiębiorstwo dla dostaw budowlano-technicznych i zakład instalacyjny

(Spółka z ograniczoną odpowiedzialnością).

Urządzenia gazowe Żerandola piece i kuchnie gazowe.

Wydawca: M. Fischer. — Odpowiedzialny redaktor: J. Kreppel. — Drukarnia Józefa Fischera w Krakowie.